**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/16/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט כמעט 12 מיליאן דאלאר אין פרי-קינדערגארטן פינאנצירונג אריבער ניו יארק

***11.7 מיליאן דאלאר געשאנקען פאר די בעסטע אפליקאציעס***

***פיסקאלע-יאר 2023 בודזשעט האט אוועקגעלייגט 125 מיליאן דאלאר צו פארברייטערן צוטריט צו פולע-טאג פרי-קינדערגארטן***

גאווערנער האקול האט אנאנסירט 11.7 מיליאן דאלער צו פארטיילט ווערן אריבער ניו יארק צו פארברייטערן צוטריט צו פרי-קינדערגארטן פאר פיר יעריגע קינדער. די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023 האט אריינגערעכנט 125 מיליאן דאלאר צו פארברייטערן צוטריט צו פולע-טאג פרי-קינדערגארטן פראגראמען, פירנדיג צו ביז אזויפיל ווי 17,500 צוגעקומענע פרי-קינדערגארטן פלעצער. ארויס פון די 125 מיליאן דאלאר, זענען היינט 11.7 מיליאן דאלאר היינט געשאנקען געווארן דורך די סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט פאר די בעסטע אפליקאציעס.

"צושטעלן געלעגענהייטן פאר פרי-קינדערגארטן חינוך פון א הויכע קוואליטעט שטעלט אוועק קינדער און זייערע עלטערן און אויפציהער אויף די וועג צו קענען מצליח זיין, און איך בין שטאלץ צו ברענגען די וויכטיגע אינוועסטירונג פאר פאמיליעס ארום די סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די געלטער וועלן העלפן קינדער אין די וויכטיגסטע שטאפלען פון זייער אנטוויקלונג און וואוקס. אלץ מאמע פון קינדער האבן איך געזעהן ווי וויכטיג די מיטלען זענען, און מיין אדמיניסטראציע איז איבערגעגעבן צו פארזיכערן אז יעדע קינד האט די געלעגנהייט צו מצליח זיין אין ניו יארק."

די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023 האט אוועקגעלייגט א רעקארד סומע פון 31.5 ביליאן דאלאר אין סך הכל סקול הילף פאר די סקול יאר 2023, און עס האט מער פון געטאפלט די סטעיט'ס אינוועסטירונג אין פלעי גרופּס/טשיילד קער מיט 7 ביליאן דאלאר אין פינאנצירונג איבער פיר יאר. די צוגעזאגטע סומעס זענען א היסטארישע אינוועסטירונג אין סקול פינאנצירונג און טשיילד קער.

סקול דיסטריקטס וואס האבן באקומען פינאנצירונג רעכענען אריין:

- באפעלאו סיטי סקול דיסטריקט, $2,500,000
- לאנג ביטש סיטי סקול דיסטריקט, $1,495,000
- וואפינגערס סענטראל סיטי סקול דיסטריקט, $1,495,000
- פיקסקיל סיטי סקול דיסטריקט, $1,059,101
- אסינינג יוּניאן פרי סקוּל דיסטריקט, $720,000
- ניוּפעין סענטראל סקוּל דיסטריקט:, $470,983
- העווערסטראו-סטאָוני פוינט סענטראל סקוּל דיסטריקט, $440,528

- בעלמאר יוּניאן פרי סקוּל דיסטריקט, $350,000
- פעמבראָוק סענטראל סקוּל דיסטריקט, $307,615
- וויליאמסאן סענטראל סקוּל דיסטריקט, $303,619
- עידען סענטראל סקוּל דיסטריקט, $257,328
- העניבעל סענטראל סקוּל דיסטריקט, $245,000
- וואטערוווליעט סיטי סקול דיסטריקט, $233,806
- ווידספּארט סענטראל סקוּל דיסטריקט, $219,898
- קעסעדעגע וואלי סענטראל סקול, $203,283
- בעטעיוויע סיטי סקול דיסטריקט, $200,000
- עיוואן סענטראל סקוּל דיסטריקט, $200,000
- קאָוהאָוס סיטי סקול דיסטריקט, $180,000
- דוּאנעסבורג סענטראל סקוּל דיסטריקט, $180,000
- נארטוויל סענטראל סקוּל דיסטריקט, $150,000
- ווייאָומינג סענטראל סקול דיסטריקט, $140,000
- דזשענסי וואלי סענטראל סקול דיסטריקט, $140,000
- עלבא סענטראל סקול דיסטריקט, $117,760
- קאנאיאָהערי סענטראל סקול דיסטריקט, $83,967

**ניו יארק סטעיט עדזשוּקעישען דעפּארטמענט, בעטי א. ראָוזע, האט געזאגט,** "ווען מיר פארשטערקערן די שטיצע פאר קינדער אין זייערע פריע יארן און ווען מיר גיבן זיי גלייכע געלעגנהייטן, זעהן מיר די בענעפיטן דערפון דורכאויס זייערע סקול יארן און דערנאך. די דעפּארטמענט איז איבערגעגעבן צו פארברייטערן פולע-טאג פרי-קינדערגארטן פראגראמען וואס שטעלן צו א שטארקע חינוך'דיגע יסוד פאר אונזערע קינדער, ברענגענדיג פאזיטיווע לאנג-טערמיניגע תוצאות."

**באורד אָוו רידזשענטס טשענסעלאר לעסטער וו. יאָנג דזשוּניאר האט געזאגט,** "צושטעלן חינוך'דיגע געלעגנהייטן פון א הויכע קוואליטעט פאר אונזערע קלענסטע תלמידים און תלמידות איז קריטיש פאר זייער צוקונפטיגע הצלחה. שאפן און פארברייטערן פרי-קינדערגארטן פראגראמען ערלויבט מער קינדער צו בענעפיטירן פון פריע לערנען וואס וועט זיי העלפן אויפבויען די סקילס וואס זענען נויטיג צו בליהען אין סקול און אין לעבן."

**סטעיט סענאטארשע שעלי ב. מאיער האט געזאגט,** "די 12 מיליאן דאלאר פאר פרי-קינדערגארטן וואס זענען היינט געשאנקען געווארן זענען א באגייסטערנדע חלק פון די סך הכל פון 125 מיליאן דאלאר וואס איז אריינגערעכנט אין די אריבערגעפירטע בודזשעט פאר די פיסקאלע יאר 2023. דאס איז א היסטארישע אינוועסטירונג וואס וועט טוישן די לעבנס פון קינדער and פאמיליעס אריבער ניו יארק סטעיט. עס וועט עפענען טירן פאר סקול קינדער און זיי גיבן די מיטלען צו קענען מצליח זיין. אלץ פארזיצערין פון די עדזשוּקעישען קאמיטע, בין איך שטאלץ מיט די ארבעט וואס די ניו יארק סטעיט סענאט האט געטוהן צו פארזיכערן און שטופן פאר געלעגנהייטן פאר קינדער ארום די סטעיט, און איך וועל פארזעצן צו ארבעטן מיט מיינע קאלעגן צו פארברייטערן צוטריט און פארבעסערן דאס דורכפירונג פון פראגראמען."

נאך געלטער פאר פרי-קינדערגארטן פראגראמען וועלן זיין צו באקומען שפעטער אין די פיסקאלע יאר פאר די בעסטע אפליקאציעס פון א נייע גורל וואס וועט געמאכט ווערן דורך די סטעיט עדזשוּקעישען דעפּארטמענט. סקול דיסטריקטס וועלכע זוכן צו אנהויבן אדער פארברייטערן פרי-קינדערגארטן אפּערס ווערן געמוטיגט זיך צו באטייליגן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418